LIVING TORAH

# פרשת בהר-בחוקותי

**בס"ד. שיחת ל"ג בעומר – בעת ה"פּאַראַד" – ה'תשד"מ.**
**הנחה פרטית בלתי מוגה**

## "תורתו אומנותו"

די צווייטע הויפּט-זאַך וואָס מ'פייערט און מ'מאַכט אַ שמחה גדולה ל"ג בעומר, איז דאָך דאָס אויך – ווי דערציילט אין מדרשים – פאַרבונדן מיט רבי שמעון בן יוחאי, וואָס ער איז אויך געווען איינער פון די תלמידים פון רבי עקיבא, און נאָכמערער – איינער פון די **הויפּט-תלמידים** פון רבי עקיבא,

און בשעת ס'איז געקומען ל"ג בעומר, און ווי דערציילט אין מערערע ערטער, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז "יום שמחתו", אַז דאָס איז אַ טאָג וואָס דאָס איז **זיין** שמחה, און דערפאַר **בעט** ער און **ערוואַרט** פון יעדער אידן און פון אַלע אידן, אַז זיי וועלן זיך אויך פרייען מיט אים אין זיין שמחה,

זיין "**פּאַד**", זיין אמת'ע "באַשעפטיקונג", איז געווען – דער ענין פון לערנען תורה; נאָך מערער וויפל ס'איז געווען ביי אַלע איבעריקע תלמידים פון רבי עקיבא – איז דאָס געווען ביי ר' שמעון בן יוחאי.

וואָס אָט דאָ ווערט דאָך די שאלה: אויב רבי עקיבא'ס תלמידים זיינען געווען ניט אין דעם צושטאַנד, ניט אין דער עובדה פון "תורתו אומנתו", ווי ר' שמעון בן יוחאי – ווי קומט דאָס, אַז מ'דערציילט דאָס און מ'זאָגט, אַז מ'דאַרף דערפון אָפּלערנען אפילו ביי קליינע קינדער?!

איז ווי גערעדט שוין אַמאָל בארוכה, איז אדרבא: דוקא קליינע קינדער, וואָס זיי האָבן ניט קיין דאגות, און זיי דאַרפן זיך ניט עוסק זיין אין ענינים של פרנסה, וואָרום זייערע גוטע עלטערן פאַרזאָרגן זיי מיט אַלע זייערע צרכים – מיט אַלעם מיט וואָס זיי נויטיקן זיך – אַזוי אַז זיי זאָלן האָבן די פולע פרייקייט פון אַלע דאגות און קענען ממלא-זיין זייער שליחות, וואָס דאָס איז, אַז "משהתינוק מתחיל לדבר אביו מלמדו תורה": **רעדן** אין תורה און דערנאָך אויך **פאַרשטיין** תורה,

איז דוקא ביי קליינע קינדער, איידער מ'האָט די דאגות פרנסה, קען זיין לייכטער "תורתו אומנתו", אַז זיי זאָלן אויסנוצן זייער פולע צייט אויף לערנען דעם אויבערשטנ'ס תורה, און לערנען די תורה ווי דער אויבערשטער וויל, וואָס דאָס איז דער "גדול לימוד שמביא לידי מעשה", אַז דאָס ברענגט צו מקיים-זיין מצוות,

וואָס על דרך זה איז אויך באַווייזן זיי אַ לעבעדיקן ביישפּיל און ווירקן אויך איין אויף זייערע עלטערן, "והשיב לב אבות על בנים – על ידי בנים",

אַז בשעת די עלטערן זעען, ווי אַזוי זייער קליינער זון, אַ קליינער אינגעלע, און ווי אַזוי זייער קליינע טאָכטער, אַ קליינע מיידעלעך, איז ווען נאָר זיי האבן אַ פרייע מינוט כאַפּט מען זיך צו מיטן גרעסטן חשק אויף זאָגן אַ פסוק אין תורה אָדער אַ וואָרט אין תורה שבעל-פּה –

מאַכט דאָס אויף זיי דעם טיפסטן איינדרוק און דעם בריטסטן איינדרוק און דעם לענגסטן איינדרוק, אַז אויך זיי זאָלן טאָן אַלץ וואָס זיי קענען, אויף אויסנוצן יעדער פרייע מינוט, און זיך משתדל זיין, אַז זיי זאָלן האָבן וואָס מערער פרייע צייט, באַפרייען זיך פון אַלע דאגות (נאָר) פון וועלכע [נאָר] מ'קען זיך באַפרייען – כדי אַז ס'זאָל זיין אָט די גליקליכע שעות ווען מ'האָט מנוחת הנפש – צוזאַמען מיט מנוחת הגוף – זאָל דעמולט זיין דער איין און איינציקער "פּאַד" זייערער – זאָל דאָס זיין "תורתו", דער לימוד התורה.

און ווי גערעדט מערערע מאָל:



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בהר-בחוקותי

אַן אומן – אַ פאַכמאַן – (איז אויך) איז עסט ער און טרינקט און שלאָפט און טוט פאַרשידענע-ערליי זאַכן. פונדעסטוועגן, אַז מ׳פרעגט: אין וואָס **לעבט** ער און אין וואָס **קאָכט** ער זיך און אין וואָס באַווייזט ער זיינע כשרונות און זיינע מעגלעכקייטן? – איז באַווייזט ער דאָס אין דער זאַך אין וועלכע ער איז דער **פאַכמאַן**.

וואָס אָט אַזוי איז אויך: ס׳איז דאָך יעדער מענטש – אויך אידן – איז על פי תורה, און ווי ס׳האָט איינגעשטעלט דער אויבערשטער, וואָס מ׳דאַרף אָפּגעבן עפּעס-וואָס צייט אויף עסן און טרינקען און שלאָפן וכיו״ב –

דאַרף אַ איד געדענקען, אַז וואָס איז זיין **״פאַך״**; אפילו בשעת ער עסט און טרינקט און שלאָפט, איז אויך וואָס **חלומ׳ט** זיך אים? איז ווי מ׳זעט דאָס ביי אַ פאַכמאַן, איז דאָס וואָס ער טראַכט בייטאָג חלומ׳ט זיך אים ביינאַכט, ״רעיונך על משכבך סליקו״ – חלומ׳ט זיך אים ענינים פון דעם פאַך.

אַ זיכערע זאַך, אַז בשעת ער עסט און טרינקט ווייס ער, אַז דאָס איז ביי אים מערניט ווי אַ דבר טפל – אַ צוקומענדיקע זאַך – דער **עיקר** זאַך איז, איז דאָס איז זיין ״אומנות״.

וואָס וואָס איז דער ״פאַך״ פון יעדער אידן און פון אַלע אידן, אפילו בשעת ער איז אוכל ושותה ומטייל וישן – איז דער פאַך זיינער איז ״תורתו״, די תורה וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן, ביז אין אַן אופן, אַז דאָס איז געוואָרן ״מורשה״, אַ ירושה, און דאָס ווערט די תורה (פון דעם אויבער) פון דעם אידן, ״נקראת על שמו״.

וואָס דערפאַר איז אויך בפשטות, קען יעדערער – אפילו אַ בעל-עסק און אפילו אַ טרוד, אפילו רח״ל אַ בעל יסורים, ווי דער רמב״ם פסק׳נט אָפּ – קען ער שטיין, באַשטימטע צייטן פון זיין טאָג אין אַן אופן וואָס זיין ״פאַך״ דעמולט איז מערניט ווי תורה,

און די צייטן ווערן ביי אים דער עיקר פון דעם **גאַנצן** טאָג, במילא באַלעבט דאָס און נעמט-דורך די איבעריקע שעות פון טאָג, אַז דער גאַנצער טאָג איז ער אין אַ מעמד ומצב פון אַ ״**פאַכמאַן**״; אין וואָס איז זיין ״פאַך״ – אין דעם ענין פון תורה.



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.